NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13119

FEYGELE UN RAKELE

Moisei Pinchevskii

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ביבליאָטעק

א. פינטשעווסקי.

פֿייגעלע און רוקעלע

„קינדער-פֿריינד", ווארשע

מ. פינטשעווסקי

1

פיאַעלע און ראַקעלע

2

ווי וועוויק און ביילקע האָבן אנגעהויבן לייענען דעם „קינדער־פריינד“

1936

„קינדער־פריינד“, ווארשע 1935
זיבעט ביכל

בילדער געצייכנט פון
הירש אַלטמאַן

אין צווייטן מייסעלע איז דער נאָמען פון
פייגל געענדערט אויף „קינדער־פריינד״.

M. Pinczewski
FEJGEŁE UN RAKEŁE
„Kinder Frajnd", (wydanie „B")
Warszawa 1935
געזעצט ביי ה. גלאַנק, וואַרשע, פּראָזנע 4
Druk. „Renoma", Warszawa

1. פייגעלע און ראַקעלע

דאָס פייגעלע האָט דערפילט, אַז דער ווינטער דער־נענטערט זיך. האָט זיך עס אויפגעהויבן און אַוועק־געפלויגן ווייט, ווייט.

געפלויגן אַ טאָג. און נאָך צוויי. און נאָך צען. און נאָך זיבעצן. איז שוין איניינעם דרייסיק טעג.

אויפן איינאונדרייסיקסטן טאָג איז דאָס פייגעלע אָנגעקומען אין אַ לאַנד אַזאַ, ווו ס'איז שטענדיק וואַרעם. וואַקסן דאָרט פּאָמעראַנצן און באַנאַנען און קאָקאָס־ניס, און מילגרוימען, און אַלערליי קווייטן.

האָט דאָס פייגעלע דאָרט אָפּגעזוכט אַ ביימעלע. איז דאָס ביימעלע געוואַקסן ביי אַ טייכעלע. איז דאָס טייכעלע גערונען צווישן בערג.

ביינאַכט איז דאָס פייגעלע געשלאָפן, שטייענדיק אויף איין פיסעלע צווישן די צווייגן, און ביי טאָג—אום־געפלויגן מיט דער לענג פונעם טייכעלע צו זוכן שפייז: אַ ווערעמל. אַ פליגעלע. אַ קערנדל.

ביים טייכעלע האָט דאָס פייגעלע זיך באַקענט מיט אַ יונג ראַקעלע. זענען ביידע געוואָרן צוויי גוטע כאַווערימלעך.

פלעגט דאָס פייגעלע אַלע פאַרטאָג צופליען צום ברעג טייכעלע און אַ זאָג טאָן:

— „צרי... צערר... צרי!..“ דאָס האָט געהייסן: פריש—

דער אינדערפרי... איז ראַקעלע באַלד אַרויסגעקראָכן פון וואַסער, און האָט מיט ביידע הערנערלעך זיך גע־גריסט צום פייגעלע.

האָט פייגעלע זיך זייער דערפרייט מיטן כּאַוועריל און האָט אויסגעשריגען: — „צוואַי... צעררר... ציף" דאָס האָט געהייסן: אוי! ווי דאָס וואַסער איז טיף!.. קרי... צרי... צראַי! קריך... קריך אַרויס!..

איז ראַקעלע אַרויסגעקראָכן אויפן ברעג. און ביידע האָבן זיך גענומען דערציילן מייסעלעך, אויף אַזאַ לאָשן, וואָס נאָר פייגעלעך און ראַקעלעך און גילדענע פישע־לעך פאַרשטייען.

ראַקעלע אָבער האָט געקענט זייער ווייניק מייסע־לעך. אַ צוויי־דריי. פון פּיאַווקעלעך. פון מויער־קעפּלעך. און פון קליינינקע גרינע פרעשלעך מיט ווייסע בייכלעך. ווייל ראַקעלע האָט שטענדיק געוווינט אויף איין אָרט. אָט דאָרטן, ביים ברעג פון טייכעלע.

נאָר דערפאַר האָט דאָס פייגעלע געקענט אָן אַ שיר מייסעלעך. פון פאַסטעכלעך. פון הינטעלעך. פון מוראַשקעלעך. פון בינען. פון רויטע קאַרשעלעך. און פון די יאַטלעך — אוי, די שלעכטע יאַטלעך, וואָס קלע־טערן אויף די ביימער צו זוכן נעסטן מיט אייעלעך!

און נאָך פיל אַנדערע מייסעלעך. ווייל דאָס פייגע־לע איז דאָך אַ וועלט אויסגעפלויגן.

פלעגט ראַקעלע שטיין מיט אַן אָנגעבויגן קעפעלע,

מיט אַן אויערל אויף אַ זייט, און זיך איינהערן איז דעם פייגעלעס מייסעלעך.

און ביידע כאַווערימלעך האָבן זיך שטאַרק ליב באַקומען. האָט מען זיך אָפּגעשמועסט, אַז ווען דאָס פּייגעלע וועט צוריקפליען אין דער אַלטער היים, זאָל עס מיטנעמען מיט זיך אויף ראַקעלען, ווייל דעם ראַקעלע האָט זיך זייער געוואָלט זען נייע ערטער און נייע וואַסערן און נייע גראָזן.

גוט.

אָפּגעשמועסט איז אָפּגעשמועסט.

2

אַז דער טאָג פון צוריקפליען איז געקומען — האָט דאָס פייגעלע זיך אָוועקגעשטעלט ביים ברעג טייכעלע און אַ רוף געטון:

— טשריק... טשריק... טשריק... דאָס האָט געהייסן: צוריק!.. כ'פלי שוין צוריק... איז ראַקעלע באַלד אַרויסגעקראָכן פון וואַסער. זיך פּאַמעלעך אַרויפגעהויבן אויף דעם שטיינערדיקן ברעג און אויפהייבנדיק אַ קלעמערל אינדערלופטן, געבליבן שטיין, ווי איינער וואָס פרעגט:

— ווי אַזוי... ווי אַזוי זשע וועל איך דיר נאָכהאַלטן?.. דו, פייגעלע, פליסט דאָך אַזוי געשווינד. און איך — קוים וואָס איך שטעל אַ פוס...

— קרי... צרי... כי... דאָס האָט געהייסן: קריכער!. כי־כי־כי!.. וואָס דען? איך ווייס דען נישט, אַז דו ביסט

אַ שווערער פּאַרשוין... אַקיצער, איך וועל דיך שוין מוזן טראָגן ביי אַ פּיסעלע! אָן אַנדער ברירה האָב איך מיט דיר?...

האָט דאָס פייגעלע גענומען ראַקעלען אין שנאָבל. זיך אויפגעהויבן און אַוועקגעפלויגן.

צום אָנהייב האָט ראַקעלע זיך דערשראָקן. וויי־וויי! — ווי ס'האָט געשווינדלט פאַר די אויגן! זיך אויס־געדוכט, אַז די גאַנצע וועלט אַנטלויפט צוריק, צוריק... בערג, טייכל, וועלדל, אַלץ, אַלץ אַנטלויפט צוריק.

אָבער שפּעטער האָט זיך ראַקעלע איינגעוווינט. און מיט גרויס האַנאָע אַרונטערגעקוקט אויף די שווינ־דלדיקע בערג, און ביימער, און וועגן.

איז מען געפלויגן אַזוי אַ וואָך. און צוויי. און פיר. איינעם הייסט עס: אַ כוידעש.

איז מען שוין געווען ווייט פון דער היים. אָבער וואָס ווייטער און ווייטער, איז דאָס פייגעלע געוואָרן אַלץ מידער און מידער, ווייל ראַקעלע האָט זיכער גע־וווֹיגן עפּשער צען גראַם.

האָט דאָס פייגעלע אָנגעהויבן כאַראָטע צו האָבן. האָט זיך עס אָפּגעשטעלט אויף אַ בערגעלע און, אָפּ־כאַפּנדיק דעם אָטעם, האָט עס קוים אַרויסגעמורמלט:

— „טשיר... טשיר... טשיר...” דאָס האָט געהייסן: שיר־שיר נישט געבליבן אָן לונגען!... מער, ברודערל, וועל איך דיך נישט קאָנען טראָגן! ווייל אויב איך זאָל

נאָך פליען מיט דיר אינײנעם, איז אָדער איך װעל אַ פֿאַל טון טױט אָדער איך װעל אָנקומען אַהײם אין אַ יאָר אַרום!..

האָט ראַקעלע אַ מאַך געטון מיטן פּיסעלע, װי אײנער רעדט: — נישקאָשע... איך װעל נישט פֿאַרפֿאַלן װערן! איך װעל מיר שױן פֿאַמעלעך אַלײן קריכן אין דער װײַטער װעלט אַרײַן... און אָט װעסטו זען, פּײַגעלע, אַז איך װעל דיך נאָך דעריאָגן! דו זאָג מיר נאָר, פּײַגעלע, װי אַזױ דאַרף איך נאָכקריכן? רעכטס, צי לינקס? אַז דו װעסט מיר נאָר זאָגן װיאַזױ, װעל איך שױן מיסטאמע אַלײן טרעפֿן!..

— „טרעל... טרעל... טריל..." דאָס האָט געהײסן: טרעפֿן — װעסטו נאָר דעמאָלט, װען דו װעסט זיך האַלטן נישט רעכטס און נישט לינקס, נאָר גלײַך!

און בײדע כאַװײרימלעך האָבן זיך געזעגנט:

דאָס פּײַגעלע האָט זיך אױפֿגעהױבן העט הױך, און גריסנדיק מיט אַ פֿליגעלע דעם ראַקעלע, איז ער אַװעק אין דער בלױער ברײטקײט.

האָט זיך ראַקעלע אָנגעשפּאַרט אױפֿן רעכטן קלע־מערל און מיט לינקן נאָכגעגריסט נאָכן פּײגעלע, ביז ס'איז פֿאַרשװוּנדן געװאָרן.

נאָכדעם האָט ראַקעלע זיך געלאָזט אין װײַטן װעג אַרײַן. געלאָזט זיך גלײַך. נישט רעכטס און נישט לינקס.. נישט לינקס און נישט רעכטס... נאָר גלײַך, גלײַך, גלײַך.

און דאָס פייגעלע איז שוין לאַנג אָנגעקומען אין דער אַלטער היים. און ראַקעלע איז נאָך אַלץ געקראָכן.

און דער זומער איז שוין געווען צו ענד. און ראַקעלע איז נאָך אַלץ געקראָכן.

און דער האַרבסט האָט זיך שוין לאַנג צעלייגט אויף די נאַקעטע ביימער. און ראַקעלע איז נאָך אַלץ געקראָכן.

און דאָס פייגעלע איז שוין צוריקגעפלויגן אין די וואַרעמע לענדער. און ראַקעלע קריכט נאָך און קריכט נאָך... נישט רעכטס און נישט לינקס... און נישט לינקס און נישט רעכטס... נאָר גלייך און גלייך...

און אַז דאָס פייגעלע איז אָנגעקומען אין יענעם לאַנד, ווו עס וואַקסן פּאָמעראַנצן און באַנאַנען און קאָקאָס-ניס און מילגרוימען, האָט זיך עס דערמאָנט אין כאַווערל, איז ראַקעלע.

אַווו זאָל עס איצטער זיין?... ווייט-ווייט מיסטאָמע...

און אַזוי טראַכטנדיק, איז עס דערווייל אָנגעקומען צום ביימעלע, וואָס וואַקסט ביים טייכעלע צווישן די בערג

איבערגעשלאָפן די נאַכט, האָט דאָס פייגעלע זיך געלאָזט פאַרטאָג כאַפּן געשמאַקע פרימאָרגן-פליגעלעך.

פלי-פלי אַהער. פלי-פלי אַהין. אָט אין דער הייך. און אָט אין דער נידער. אָט מיט אויסגעצויגענע פליגעלעך. און אָט מיט פאָכנדיקע. און אָט ביז צו די וואָלקן. 8

און אָט נידעריק, נידעריק. קעמאַט ביי דער ערד.

און — פּלוצלונג—אוי, ווער קריכט עס דאָרטן?...

אוי, אוי, ס'איז דאָך ראַקעלע...

— „ראַ... קרי... רררראַ!..״ דאָס האָט געהייסן: ראַ־קעלע! ראַקעלע! כאַווערל ליבינקער! וואָס מאַכסטו? וואָס מאַכסטו?

האָט זיך ראַקעלע אָפּגעשטעלט. זיך אָנגעשפּאַרט אויפן הינטערשטן פּיסעלע, און דרייענדיק אַזוי מיט די הערנערלעך, האָט עס געקוקט צום פּייגעלע מיט גייווע:

— אַהאַ! וואָס האָב איך דיר געזאָגט? געדענקסט?.. ביים געזעגנען זיך... דעמאָלט... האָב איך דיר געזאָגט, אַז איך וועל דיך דעריאָגן? איצט זעסטו שוין? דער־יאָגט, אַהאַ, דעריאָגט!

— „צרי!.. צרע!.. צרי!..״ דאָס האָט געהייסן :ווי... ווער... ווען?..

אָבער ראַקעלע האָט געקוקט אויפן פּייגעלע מיט גאַדלעס.

— אָ! אַ שיינע שטרעקע בין איך עס אָפּגעגאַנגען! ווער ווייסט, ווען איך וועל זיך אַמאָל קענען אומקערן צוריק אַהיים! און דאָ—זע נאָר זע, אַ נייע וועלט אַרום! און אַ טייך אַ נייער און גראָזן נייע! ווי שיין! ווי שיין! נאָר ווי דידאָזיקע נייע ערטער רופן זיך, דאָס ווייס איך נישט. דו, פּייגעלע, ביסט דאָך אויסגעווען אַ וועלט, זאָג אויס: ווי רופן זיך אָט די אַלע נייע ערטער?

צרי... קרי... קכי!.. — האָט דאָס פייגעלע זיך צע־לאַכט. די ערטער? צרי... קרי... קכי... דיזועלביקע ער־טער!.. און דער טייך איז דערזועלביקער טייך!.. און דו, ברודערל, ביסט אינגאנצן הונדערט שפאַן פון דיין אַל־טער היים, ווו דו האָסט אַלע דיינע יאָרן אָפּגעלעבט!...

— וואָס הייסט? — האָט ראַקעלע גענומען ציטערן מיטביידע הערנערלעך. איך בין דאָך געקראָכן אַזוי פיל צייט... אַזוי פיל צייט... פון דאָרטן אָן... פון יענעם ווייטן אָרט, ווו דו האָסט מיך דעמאָלט איבערגעלאָזט...

— יאָ, ברודערל... עמעס... ביסט טאַקע געקראָכן, אָבער... טשריק... טשריק... טשריק... אויף צוריק ביסטו געקראָכן, ברודערל. ווי דיין שטייגער איז: זיך רוקן אויף צוריק!..

האָט ראַקעלע פאַר גרויס בושע אַראָפּגעלאָזט דאָס קעפּעלע ביז צו דר'ערד און פאַמעלעך אַריינגעקראָכן טיף־טיף אין וואַסער אַריין.

און דאָס פייגעלע האָט זיך אויפגעהויבן אינדער־הויך, און פליענדיק אַקעגן דער זון, האָט עס געזונגען:

— צווי, טשריק! צווי טשריק!
לענדער איין און לענדער אויס!
ווער עס קריכט אויף צוריק —
יענער קומט נישט אָן פאָרויס!

2.

ווי וועוויק און ביילקע האָבן אָנגעהויבן לייענען דעם „קינדער-פריינד"

1

נעבן אַ וועלדל און נעבן אַ ברונעם, און אונטער אַ הימל אַ ברייטן, אַ ברייטן, שטייט זיך אַ ביידל.

שטייט זיך אַ ביידל אינמיטן דעם פעלד, געריגגלט מיט ביימער און זאַנגען. וווינט אין דעם ביידל אַ יידישער פויער, מיט ווייב און מיט קינדער, מיט הינער און גענדז, מיט לאַשעקל ווייסן, ווייסן ווי שניי.

איז יעדער מיט אַרבעט פאַרנומען. פויער — אין פעלד. דאָס ווייב — אין שטוב. גענדז — ביי דעם טייך. און הינער אין הויף. נאָר דאָס לאַשעקל ווייסע, און וועוויק און ביילקע — זיי אַלע דריי זענען פראַנק און פריי. הירזשעט דאָס לאַשעקל און בריקעט גאַלאָפּ. קלעטערט וועוויק אויף שפּיץ פון געם ביידל. און ביילקע מאַכט קרייזן מיט שטיינדלעך אין טייך.

גייט איבער אַ יאָר. ווערן אַלע דריי גרויס. דער לאַשעק צוויי יאָר, ביילקע — זעקס, און וועוויק — זיבן.

נעמט מען דעם לאַשעק צום שפּאַן. און קינדער — צום בוך. און דאָס איז אַ „בע". און דאָס איז אַ „גע". און דאָס — אַ „מע".

דרייען זיך קינדער ביים ביידל אַרום, ביי סטויגן

ארום, מיט לענג פונעם טייכל, און ביכלעך אין האַנט. און לערנען. און לערנען.

הערט קעלבעלע צו. און לעמעלע צו. און גענדזע-לע צו. זאָגן זיי נאָך: קעלבעלע — בע. לעמעלע — מע. און גענדזעלע — גע.

גייט איבער אַ צייט. און קינדערלעך לייענען אין ביכלעך שוין פריי. נאָר ביכל איז קליין און מייסעלעך — ווייניק.

פאָרט טאַטע דער פויער אין שטעטל אַריין, צו קויפן אַ סערפּ. ברענגט ער שוין איינוועגס אַ ביכל אַ נייס. לייענט וועוויק און ביילקע דאָס ביכעלע נייס. אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט, און שורע ביי שורע. און קעלבעלע— בע. און לעמעלע — מע. און גענדזעלע — גע. ביז ביכל צו ענד. אַז ביכל איז קליין. און מייסעלעך — ווייניק. און לידלעך אַ פּאָר: איינס — פונעם טוי, אינעם בלוי פון מאַיאָר; און איינס פונעם גינגאָלד, וואָס פינקלט אין קאָרן...

און טאַטע דער פויער איז פאַרנומען אין פעלד. האָט ער קיין צייט נישט צו פאָרן אין שטאָט. איז מער שוין קיין ביכלעך צום לייענען נישטאָ. דרייען זיך קינ-דערלעך אומעטיק אום.

2

געקומען צו פאָרן אַ גאַסט. געשמועסט מיטן טאַטן פון פעלד, פון מאַשינעס. פון טראַקטערס און קי. גע-

קוקט אין שפּאַקטיוו אויף רעכטס און אויף לינקס. און שפּעטער זיך גענומען צו וועוויקן און ביילקען.

— אין שול אַריין ווילט איר?

— ווילן!

— וויפל אַלט?

— איך זיבן. ביילקע — זעקס, און „מוציק", — צוויי.

— און מוציק — ווער איז?

— מוציק? — דער לאָשעק.

צעלאַכט זיך דער גאַסט. און טאַטע אויך. און ס'שמייכלט די מאַמע. איז, נעמען די קינדער און צעלאַכן זיך אויך.

— גוט! — זאָגט דער גאַסט. — די שול וועט זיך עפענען, ט'איר גיין אין שול.

— ביכעלעך מיט מייסעס וועט זיין אין דער שול?

— איר קענט דען שוין לייענען?

— וואָ'דען? ניין?

— איז גוט! איז גוט! איז גוט! אין שול וועט איר קריגן ביכער גענוג!

האָבן וועוויק מיט ביילקען צעטאַנצט זיך פאַר פרייד. און דער גאַסט האָט אַרויסגענומען אַ ביכל פון עם טאַש. געגעבען די קינדער און זאָגט:

— נאַט, לייענט!

האָבן קינדער געגעבן אַ כאַפּ דאָס ביכל. און אַוועק צו דעם סטויג. און צעלייגט זיך אין היי. און באַטראַכט

דאָס ביכל. אויפן ערשטן בלאַט אַ קינד אויסגעמאָלט. און אויבן — געשריבן מיט אויסיעס גרויסע. אוי־סיעס עלף. באַטייט דאָס וואָרט, ווי ס'הייסט דאָס ביכל. און וועוויק און ביילקע לייענען דאָס וואָרט:

— קי... קי... קי... קינדער־פריינד...

לויפן אום הינדעלעך הינטערן סטויג. זאָגן זיי נאָך: קי... קי... קי—קי.

— אַ פרייד ביי די קינדער. אַ פרייד אָן אַן עק. מייסעלעך שיינע. און בילדעלעך פיל. און לידעלעך.

3

גאַסט איז שוין אַוועקגעפאָרן. קינדער — ווידער טרויעריק. דאָס ביכל שוין אויסגעלייענט. ווו אַ מייסע—נאָכדערציילט. ווו אַ לידל — אויסנווייניק. ווו אַ בילדל—נאָכגעמאָלט. גייען קינדער אום און בענקען: ווו נעמט מען אַ נייעם „קינדער־פריינד"?

און אַז שול זיך געעפנט, זענען זיך קינדער געגאַנ־גען אין שול. געגאַנגען מיט סטעזשקעס צווישן די זאַנ־גען. געטראָגן אויף אַקסל אַ טאָרבעלע עסן, מיט העפטן און ביכלעך און ווירע און פען.

און וועוויק און ביילקע געוואַרט און געוואַרט. אַ וואָך און אַ וואָך. און אַ וואָך און אַ וואָך. אַ כוידעש געוואַרט, אַז אָנקומען זאָל דער „קינדער־פריינד". און ווי נאָר געקומען, פאַלט מען באַלד צו. צום ערשטן — די הילע. בילדלעך דערנאָך און נאָכדעם — די לידלעך. און מייסעס — דערנאָך.

זיצן זיך וועוויק אוןביילקע אויף סטויג, און —

— ווייסטו וואָס, ביילקע? לאָמיר אַ שרייב טון אַ בריוו אין „קינדער פריינד"...

— שרייבן איז שרייבן!—מאַכט ביילקע און פרעגט:

— וועוויק, פון וואָס?

— ווייניק פאַראַן פון וואָס צו שרייבן? פון שול! פון דאָרף! פון גערטנדל קליינעם, וואָס מיר האָבן פאַרזייט!

נעמט מען אַ פען און טינט און פאַפיר. און מען שטעלט אויף אין הויף א פעסעלע קליינס, און מען זעצט זיך אַנידער צו שרייבן אַ בריוו.

קומט קעלבעלע, לעמעלע, הינדעלע, גאַנז. שטעלן זיך אַלע אַרום־און־אַרום. און מען קוקט אין פאַפיר און מען שאַקלט די קעפּ.

און אַז קינדערלעך ענדיקן שרייבן דעם בריוו — פון שול און דאָרף און גערטנדל קליינעם — רוקט זיך דאָס קעלבעלע נענטער צו און שטעלט אָן די אויגן גלייך אויף דעם בריוו און —

— בע...בע... בע־בע!

פאַרשטייט דאָך שוין וועוויק, וואָס קעלבעלע מיינט:

— בע... בע... בע־ס־טער באַווייזער „קינדער־פריינד"!...

קומט אויך דאָס גענדזועלע נענטער צו און—

— גע... גע... גע־גע...

פאַרשטייט דאָך שוין וועוויק, וואָס גענדזועלע מיינט

— גע... גע... געפּעלסט אונדז אַלע זייער און זייער!...

מע... מע... — שרייט דאָס לעמעלע אויס — מע...

מע... מע־ר־ע־ר מע לייענט דיך, — וויל מען דיך מער!.

צעזינגט זיך דאָס הינדעלע אויף אַ קוויטשיקל הויך:

— קי... קי... קי... קינדער־פריינד!

שרייבט װעװיק אַריין זייער אַלעמענס בריוו און לאָזט זיך צום קעסטל. פון הויף הונדערט שפּאַן. וועט ליגן דער בריוו אין קעסטל אַ טאָג. וועט קומען צו פאָרן אַ רייטער אַהין. וועט נעמען דעם בריוו און אַוועקשיקן גלייך —

צום „קינדער־פריינד״.

לויפט װעװיק צום קעסטל און ביילקע נאָך אים און קעלבל נאָך ביילקען און לעמל נאָך קאַלב און גענדזל נאָך לעמל און הינדל נאָך גאַנדז.

און פּלוצים פון טויבנשלאַק לאָזט זיך אַ טויב, אַ צווייטע, אַ דריטע, און פינף און צען.

צען טייבעלעך פליען איבער די קעפּ. צען טייבעלעך וואָרקען נאָך קינדערלעך נאָך:

— גר... גרו... גר... גר... גרו...

פאַרשטייט דאָך שוין װעװיק, וואָס טייבעלע מיינט. טייבעלע מיינט:

— גר... גרו... גרוס... גרוס... אַ גרוס אויך פון טייבעלעך דעם „קינדער־פריינד״! — — —

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

פרייז 30 גר. № 7. 15 CZERWCA 1935

„Kinder - Frajnd"

DWUTYGODNIK Wydanie B

Adres redakcji i administracji: Warszawa I, Miła 33 m. 24

500 זייטן אויף האָלץ־פרייען פּאַפּיר **150** זייטן אויף קרייד־פּאַפּיר **60** קלישעס און צייכענונגען

אין 17 ביכער

! גלענצנדע לעקטור פאַר יוגנט און קינדער !

קענט איר באַקומען פון **„קינדער-פריינד"**

פאַר **3.30** גילדן (אויסלאַנד 1.20 דאָלאַר) מיטן איבערשיקן.

„קינדער-פריינד" האט פיל 100-ער, איז אבער ווערט 1000-ער אפּנעמער

שוין דערשינען:

א (9 ביכער—2.25 גילדן)

1. ס. טרעטיאַקאָוו
אַ כינעזיש יינגל 3 ביכער
2. ר. ב.
אינדערלופטן צום **פּאָלוס** 1 בוך
3. **פּרץ-אויסגאַבע**
4. ע. קעסטנער **עמיל און די דעטעקטיוון** 3 ביכער
5. **מאַקסים גאָרקי**
זאַמלונג דערציילונגען מיט אַ ביאָגראַפיע (דערשיינט אין אויגוסט)

ב (8 ביכלעך—1.30 גילדן)

1. **נאָענט פון ווייטנס**
2. **די פּאָסט**
3. **ווער קויפט ביכער?**
4. **דערציילונגען**
5. **טייבעלעך**
6. **דער קליינער העלפאַנט**
7. **פייגעלע און ראַקעלע**
8. **מייסעלעך**
(דערשיינט אין אויגוסט)

ש רייבט גלייך אויס אונדזערע אויסגאַבעס!

באַשטעלונגען ווערן אויסגעפירט אין טאָג פון באַקומען דאָס געלט.

אדרעס פאַר געלט (דורך אַ Przekaz Rozrachunkowy): „Kinder-Frajnd", Warszawa, Kartoteka 662.

ביים שיקן געלט בעט... אָנווייזן אויף וואָס ד... געלט ווערט געשיקט.

אדרעס פאַר בריוו: „Kinder-Frajnd", Warszawa I, Miła 33 m. 24